ספר

# שפתי אביגדור

באידיש

## תשובה

179

שיעור מאת מורינו

הרה"ג ר' אביגדור הכהן מיללער זצ"ל

# אינהאלט

[א] תפלה אויף רוחניות. [ב] דער גרויסער חיוב פון מקצת תשובה. [ג] אונאת דברים. [ד] הכרת טוב. [ה] שהיה לו ללמוד. [ו] פארגעס נישט פון דיין בעסטע חבר! [ז] בטחון, אמונה, תשובה, האלט אן דיינע אוצרות.,

העתקה מ'טעיף תשובה בכל לבבך Y-13-b
עם שינויים קלים להקל על הלומד

קונטרס **תשובה** #179
יו"ל בס"ד חודש אלול תש"פ ע"י מכון שפתי תורה
**כל הזכויות שמורות**
© copyright 2020 All Rights Reserved 718-387-2413
Strasser: 14 Juliana Place Brooklyn N. Y. 11249

בס"ד

# תשובה

## כי קרוב אליך הדבר מאוד בפיך ובלבבך לעשותו (דברים ל יד)

– א –

### תפלה אויף רוחניות

תשובה איז א היקף גדול אזוי ווי אלעס אין דער תורה, תורה איז דאך **ארוכה מארץ מדה ורחבה מני ים** (איוב יא ט). אבער כדי יוצא זיין עפעס וועגן די ענין פון תשובה, אפאר ווערטער אין עניני תשובה

די ערשטע זאך איז מ'דארף וויסן אז אלעס וואס מ'טוט איז נישט די בחירה אליין עס פאדערט זיך סייעתא דשמיא, מען בעט **השיבנו אבינו** טאטע אונזערע! קער אונז צוריק, איז די קשיא, אויב ס'איז סייעתא דשמיא, אויב ס'איז השיבנו "אבינו" פעלט דאך אין בחירה? און כסדר איז אונזערע תפלות אזוי **הט לבי אל עדותיך** (תהלים קיט לו) מיר בעטן דעם אויבערשטען ער זאל קערן דעם הארץ צו די תורה, טא וואס איז מיט די בחירה?

דער תירוץ איז, אז דאס גופא איז בחירה, דאס בעטן איז בחירה, און וויפיל מ'בעט איז בחירה, און דערפאר קומט זיך שכר, פארן בעטן אליין.

קומט אויס אז מ'מוז מתפלל זיין פאר תשובה, מ'מוז בעטן דעם אויבערשטען ער זאל געבן הילף.

און דער אמת איז אז מ'דארף האבן אסאך הילף, **צופה רשע לצדיק ומבקש להמיתו** (תהלים לז לב) **אלמלי הקב"ה עוזרו אין יכול לו** (קידושין ל:) קיינער קען נישט בייקומען דעם יצר הרע נאר **ה' לא יעזבנו בידו.**

אבער דאס מיינט נישט אז דאס איז א ברית אז דער אויבערשטער וועט זיך אריינמישן און אים העלפן, ניין! **ועונה לעמו ישראל בעת שועם אליו** נאר אויב מ'שרייט צו אים וועט ער ענטפערן, עס מעג זיין א ברית, א ברית מיט א שבועה דאך פעלט אויס תפלה. אזוי ווי מיר געפונען ביי יציאת מצרים, דער אויבערשטער האט געמאכט א ברית מיט די אבות, און פונדעסטוועגן ווען עס איז געקומען צו יציאת מצרים האט דער אויבערשטער געווארט און געווארט ביז **שמעתי את נאקת בני ישראל... ויזעקו בני ישראל... ותעל שועתם...** מען דארף האבן שועה און נאקה זעקה און צעקה דאן האט דער אויבערשטער מקיים געווען זיין ברית, **וגם הקמותי את בריתי.**

דערפאר, טראץ דעם וואס דער אויבערשטער העלפט, דארף דער מענטש זיך מתאמץ זיין בתפלה, מ'דארף אסאך בעטן "השיבנו אבינו לתורתך".

דערצו דארף דער מענטש וויסן אז אויב ער האט הצלחה אין תשובה איז דאס סייעתא דשמיא, ער זאל נישט זאגן **כוחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה** אפילו אין רוחניות, עס איז נאר רחמי שמים.

און דאס איז דער יסוד, דער יסוד איז **בקשת סייעתא דשמיא** - השיבנו, און **אמונה** אז זיין הצלחה איז תלוי נאר אין סייעתא דשמיא.

## – ב –

## דער גרויסער חיוב פון מקצת תשובה

קודם בעטן מיר "השיבנו" אבינו לתורתך... מיר שטעלן נישט קיין באדינגונגען, קיין תנאים, נאר סתם "רבונו של עולם העלף אונז - מיט וויפיל דו געבסט". אבער נאכדעם זאגן מיר "והחזירנו בתשובה **שלימה**" מיר ווילן הצלחה אין תשובה שלימה.

דארף מען אבער וויסן אז אין דעם חילוק פון מקצת תשובה און תשובה שלימה שטעקט זייער א גרויסער ענין, יעדער מענטש האט א רעכט צו ווערן רייך, מ'קען בעטן עושר וכבוד, ער האט א רעכט צו בעטן, אבער דער טבע פונעם מענטש איז, אז אביסל געלד איז ביי אים אויך זייער חשוב. אפילו ווען א גביר זעהט נאר איין דאלער ליגט אויפן סייד-וואק וועט ער זיך נישט פוילן, ער וועט אויפהייבן אפילו דעם איינע דאלער, דערפאר אפילו מענטשן בעטן תשובה שלימה, דארף מען אבער וויסן וואס דער חשיבות דערפון איז, וואס מיינט דאס מקצת תשובה, ווי גרויס איז דער ענין פון מקצת תשובה.

און דאס וועלן מיר רעדן יעצט וועגן "מקצת תשובה".

ווייל דער אמת איז אז מקצת תשובה איז דער גרעסטער חיוב וואס עס קען זיין. די ערגסטע פורעניות קומט ח"ו פאר פארפעלן און נישט מקיים זיין מקצת תשובה, דאס איז די ערגסטע! **למה אירא בימי רעה** - האט דוד המלך געזאגט, פארוואס זאל איך ציטערן ווען עס קומען די ימי הרעה - די ימי הדין, **עון עקבי יסובני - עבירות שאדם דש בעקביו סובבים אותו ביום הדין**, דאס וואס ער האלט פאר קליינע זאכן און ער טרעט אויף זיי מיט זיינע פיס, די קליינע עבירות וועלן אים ארום רינגלען אים מער ארום ביים יום הדין ווי די גרויסע (עבודה זרה יח.).

וואס זענען די עבירות שאדם דש בעקביו? קליינע עבירות, און זיי זענען קליין מצד צוויי בחינות, אדער זענען זיי קליין **ווייל ער ווייסט נישט די חשיבות פון דער זאך,** ער ווייסט נישט אז אפילו א קליינע עבירה - אפילו א לאו שאין בו מעשה, אפילו מצות עשה, אדער א דין דרבנן, אויב אבער מ'טוט דאס כמה מאל ווערט דאס אזוי ווי א גראבער שטריק וואס ווערט געמאכט פון אסאך קליינע שטריקן צוזאם געדרייט, **אמר רבי אסי יצר הרע בתחילה דומה לחוט של בוכיא ולבסוף דומה כעבותות העגלה שנאמר** (ישעיה ה-יח) **הוי מושכי העון בחבלי השוא וכעבות העגלה חטאה** (סוכה נב.), זאגט דער רבינו יונה (שערי תשובה א יח) אז מיט די צייט ווערן אפילו די קלענסטע עבירות אזוי ווי חייבי כריתות און חייבי מיתות בי"ד, אויב מ'חזר'ט זיי איבער כסדר. "עון עקבי" ווייל מ'טרעט אויף די קליינע עבירות און מ'טוט זיי נאכאנאנד ווערט דאס גאר גרויס, עס ווערט ווי חייבי כריתות און חייבי מיתות בי"ד.

עס איז דא נאך א בחינה פארוואס זיי הייסן קליין, פארוואס עס איז דש בעקביו, **ווייל עס איז לייכטע זאכן,** נישט קיין זאכן פון מסירת נפש, ס'איז אזוי לייכט אז עס פאלט אים גארנישט איין אז עס איז דא אויף וואס צו דאגה'ן. די זאכן וואס זענען גרויסע נסיונות פארשטייט ער, און עס קען אפילו זיין אז ער וועט עומד בנסיון זיין, אויב ח"ו מ'וועט אים שטעלן צום נסיון פון "יהרג ואל יעבור עבודה זרה" מסתמא וועט ער געבן זיין לעבן, און מסתמא מיט שמחה אויך, ווייל ער פארשטייט די גרויסקייט פון די מצוה פון "ונקדשתי", אבער ווען עס איז קלענערע ענינים, לייכטע זאכן, פארשטייט ער נישט אז זיי זענען גאר וויכטיג.

אבער מיר וועלן רעדן יעצט וועגן די לייכטע זאכן, ווייל אויף די לייכטע זאכן איז דער עונש גרעסער.

די גמרא זאגט אין מנחות (מג:) לגבי מצות ציצית, **גדול עונשו של לבן יותר מעונשו של תכלת**, אויב איינער איז עובר אויף די מצוה פון תכלת - בשעת ס'איז געווען תכלת צו קריגן - האט ער געהאט אן עבירה, מ'מוז אוועק געבן אסאך געלד פאר א מצוה דאורייתא, דער מציאות איז אבער אז תכלת איז טייער, תכלת קאסט געלד אבער די חוטי לבן זענען ביליג, אבער אויב איינער האט נישט מקיים געווען לבן וואס לבן איז ביליג איז די עבירה אסאך גרעסער.

לערנען מיר א כלל גדול אין דער אופן וויאזוי מ'איז דן אין בי"ד של מעלה, אז דאס וואס איז לייכט איז די תביעה אסאך גרעסער, דאס וואס מ'קען לייכט מקיים זיין איז פארן עובר זיין אויף דעם איז דער עונש אסאך גרעסער, און צווישן די פילע זאכן וואס מ'דארף טראכטן - מ'דארף טראכטן פון אלעס **נחפשה דרכינו** (איכה ג מ) עשרת ימי תשובה איז בעיקר אויף טראכטן, אויף נחפשה, אבער צווישן זיי - דארף מען ספעציעל משים לב זיין אויף די לייכטע זאכן, ווייל דאס דארף מען מורא האבן מער פון אלעס.

די תורה רעדט וועגן די מצוה פון תשובה, די תורה זאגט **כי המצוה הזאת לא נפלאת היא ממך ולא רחוקה היא... לא מעבר לים היא...** די מצוה פון "תשובה" זאגט די תורה איז א לייכטע מצוה, **כי קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו** (דברים ל יא-יד).

אויב איינער האט זיך פארדרייט חלילה אין הרגלים פון חטא וואס עס פאדערט זיך א מלחמה מיט זיין יצר, ער איז געווארן א עבד צו זיין יצר, און זיין יצר איז א אדון איבער אים, איז דאס נישט קיין לייכטע מצוה צו טון תשובה ער האט אסאך ארבעט, דער פסוק רעדט נישט וועגן דעם, דער פסוק רעדט וועגן אידן אין די צייט פון משה רבינו אין מדבר אין נאך אזעלכע צייטן ווען בי"ד איז געווען אין פולן קאנטראל איבערן אידישן פאלק און עפנטליכע

עבירות פשוט'ע עבירות האט מען נישט געטוען (זעה שפעטער בסוף השיעור לגבי חרטה אז דאס איז אויך נכלל אין כי קרוב אליך הדבר מאוד).

ווער געדענקט נישט די אידישע שטעטל פון אמאל, ווער האט געקענט טוען א עבירה אין א אידישע שטעטל, ס'איז געווען א סכנה אפילו גיין מיט א אויפגעדעקטן קאפ איז געווען אוממעגליך, עס איז געווען סכנת נפשות פאר א איד דורך צו גיין א אידישער גאס אן א טלית קטן, און אוודאי און אוודאי אין די צייטן פון אונזערע אמאליגע שופטים, משה רבינו אין די מדבר.

איז דער פסוק רעדט זיך נישט וועגן מצוות פון תשובה פון פשוטע הארבע עבירות, און אעפ"כ רעדט זיך דער פסוק פון גאר א גרויסער ענין, דער פסוק רעדט זיך וועגן א ענין אויף וואס עס איז תלוי דער גאנצער קיום פון כלל ישראל, און אויב נישט שטייט אין אונטער גרונד א גלות און ווארט (אזוי די פרשה רעדט דארט), ווי דער פסוק זאגט פאר חמורי חמורות פון עונשים אויף וואס אויף א מצוה פון תשובה וואס איז לייכט וואס איז נאר תלוי אין אביסל משים לב זיין "כי קרוב הדבר אליך מאוד" ס'איז זייער נאנט און לייכט "בפיך ובלבבך לעשותו", עס רעדט זיך וועגן גרינגע מצוות און פאר גרינגע מצוות איז דא הארבע עונשים חלילה.

– ג –

אונאת דברים

די גמרא זאגט אין מסכת בבא בתרא (ט:) **כל הנותן פרוטה לעני מתברך בשש ברכות**, אויב מ'גיבט א פרוטה צו אן עני ווערט ער געבענטשט מיט זעקס גרויסע גאלדענע ברכות וואס ישעי' הנביא זאגט (נח ט-יב) **אז תקרא וה' יענה, תשוע ויאמר הנני... וקורא לך גודר פרץ משובב נתיבות לשבת**, גרויסע גאלדענע ברכות פארן געבן א פרוטה צו אן עני, **והמפייסו** אבער דער וואס זאגט אפאר גוטע

ווערטער צום עני ער טרייסט אים, ער איז אים מכבד מיט אפאר גוטע ווערטער, **מתברך בי"א ברכות,** ווערט ער געבענטשט מיט עלף ברכות, זאגט תוספות (ד"ה והמפייסו) דאס מיינט נישט אז פאר א פרוטה קריגט ער זעקס ברכות און פארן זאגן גוטע ווערטער באקומט ער נאך פינף ברכות, נאר פאר א פרוטה קריגט ער זעקס ברכות אבער פארן זאגן גוטע ווערטער קריגט ער נאך עלף ברכות א חוץ די זעקס, אבער תוספות זאגט נישט קיין טעם פארוואס זיי גייען מיט דעם פירוש, אבער לאמיר אליינס זען פארוואס תוספות זאגט אזוי.

עס שטייט אין דער תורה **וכי תמכרו ממכר לעמיתך או קנה מיד עמיתך אל תונו איש את אחיו** (ויקרא כה יד), מען טאר נישט אפנארן יענעם אין געלט, א לאו פון לא תונו, אפנארן, אונאה אין געלט, און ס'איז נישט קיין קלייניגקייט, א גזל פון א פרוטה, **את נפש בעליו יקח** (משלי א יט / וע' ב"מ קיב.) עס קאסט אים אפ דעם לעבן, אין דיני שמים איז גזל זייער חמור, איך וויל נישט רעדן יעצט וועגן דעם, דאס איז נאר א הקדמה, אין דיני שמים איז גזל פון א פרוטה זייער חמור, אבער עס איז דא נאך א פסוק **ולא תונו איש את עמיתו ויראת מאלקיך** (ויקרא כה יז), אן אנדערע פסוק אין דארט שטייט שוין "ויראת", מיר פארשטייען אז דער ערשטער איז אויך ויראת אז א מענטש קען פארלירן זיין לעבן פאר אונאת שוה פרוטה איז דאס שוין ויראת, טא וואס זאגט דער צווייטער פסוק אן אנדערע ענין לא תונו איש את עמיתו ויראת? ענטפערט די גמרא **כאן באונאת ממון כאן באונאת דברים** דער צווייטער פסוק רעדט זיך אז מ'איז מצער א איד מיט ווערטער. מ'זאגט א בייזער (נישט גוט) ווארט.

זאגט די גמרא (בבא מציעא נח:), **גדול אונאת דברים מאונאת ממון** ס'איז א גרעסערע עבירה אויב מ'איז מצער מיט א ווארט איידער ווי מ'גנב'ט פון אים, און די גמרא זאגט דריי טעמים:

איינס, **שזה בגופו וזה בממונו**, מזיק זיין דעם גוף פון א איד וויי-טוען זיין הארץ איז אסאך גרעסער ווי צונעמען געלט פון זיין קעשענע.

א צווייטער טעם איז **זה ניתן להישבון וזה לא ניתן להשבון**, א בייזער ווארט קען מען קיינמאל נישט צוריק נעמען, אפילו ער איז מוחל אבער דעם ווארט קען מען קיינמאל נישט צוריק נעמען, דער ווייטאג איז נאך אלץ א ווייטאג, געלט קען מען צוריק צאלן ס'איז ניתן להישבון.

און דער דריטער טעם איז, **זה נאמר בו ויראת וזה לא נאמר בו ויראת** ביי אונאת דברים שטייט ויראת.

זעען מיר אז צונעמען פון א מענטש שמחה דורך מצער זיין אים מיט ווערטער, צונעמען ביי א מענטשן כבוד דורך מבזה זיין מיט א ווארט, איז אסאך ערגער ווי צונעמען געלד פון אים, אסאך ערגער.

יעצט ווי איז פארקערט, געבן פאר א איד שמחה, געבן פאר א איד אביסל כבוד, איז אסאך גרעסער ווי געבן אים געלד, איז דער וואס איז מפייס א ארימאן ווי אזוי קען מען זאגן אז ער זאל קריגן נאר פינף ברכות וווען ער קריגט זעקס ברכות פאר די פרוטה?!

דערפאר פירט אויס תוספות קענען מיר נישט אזוי לערנען פשט אז נאר פינף, נאר מ'מוז לערנען פשט אז זעקס ברכות פאר די פרוטה אבער עלף באזונדערע ברכות קריגט ער פאר אפאר גוטע ווערטער.

פארשטייען מיר פון דעם ווי גרויס עס איז דער ענין פון אונאת דברים.

לאמיר זיך פארשטעלן אז דא אויף דער זייט גאס איז דא א געשעפט וואס שטייט דארטן א ערליכער סוחר, ער גיבט א ערליכן וואג, ער ציילט אויס די געלט ערליך ביז א פרוטה, אויף יענער זייט גאס איז אן אנדערע סוחר וואס מ'דארף זיך היטן פון אים, ווען ער וועגט די סחורה, מ'דארף איבערציילן די געלט ווען ער גיבט צוריק, מ'דארף זיך היטן פון אים, ער איז חשוד, פארשטייט יעדער אז דער איז א נכבד און דער איז נבזה, אבער עס קען גאר זיין פארקערט אויך, ווי איז אז דער כשר'ער מאן דער ערליכער איז א בייזער, ער רעדט שארפע ווערטער וואס טוען וויי, און יענער איז מכבד אלעמען, ער רעדט העפליך מיט דרך ארץ איז גאר דער כשר'ער ער איז דער גזלן, ער בא'גזל'ט אלע מענטש'ן וואס קומען צו אים, ער נעמט צו ביי זיי כבוד, עס איז אסאך ערגער ווי ער וואלט צוגענומען פון זיי פון זייער קעשענע געלט, אסאך ערגער! און יענער איז אסאך בעסער, נישט וויאזוי מענטשן טראכטן אויבערפלעכליך שלא על פי תורה, על פי תורה איז יענער דער גזלן און א גרויסער גזלן.

ווייל אז איינער זאל זאגן א בייז ווארט צו זיין ווייב, אדער א בייז ווארט צו זיין מוטער, איז דאס ערגער ווי ווען ער וואלט גע'גנב'ט פון זיין מוטער, ווי ווען ער וואלט ווען גע'גנב'ט פון זיין ווייב (וואס זי האט אפגעשפארט אפאר פרוטות און זי דארף עפעס קויפן פאר זיך און ער האט האט דאס גע'גנב'ט פון איר) דאס איז אסאך ערגער. און דאס איז פון די לייכסטע זאכן, וואס קאסט דאס פאר א מענטש אז ער זאל זיך מרגיל זיין זיך היטן פון אונאת דברים, הײנט ברוך השם די פרומע וועלט ווייסט שוין פון שמירת הלשון, מ'היט זיך פון רעדן לשון הרע, דער חפץ חיים האט ליכטיג

געמאכט די וועלט, אבער מ'האט א גרויסן טעות אונאת דברים איז אמת'ער לשון הרע, אריינשטעקן א מעסער אין יענעם'ס הארץ מיט א בייז ווארט דאס איז לשון הרע.

דאס איז ערגער ווי א גזלן, ווי א לסטים מזויין, און דאס איז א זאך וואס דאס איז אזוי לייכט און דער מענטש איז נתבע אויף דעם, מען מאנט ביי אים, כי קרוב אליך הדבר מאוד בפיך ובלבבך לעשותו וואס פאדערט זיך דען דא?! און דאס איז דש בעקביו, דאס איז טאג טעגליך, ס'איז דא צדיקים וואס וועלן קומען אויף יענער וועלט און וועלן געפונען א גרויסער קטרוג, גאר א גרויסער קטרוג סובבים אותו ליום הדין, א גזלן!! צוגענומען ביי יענעם!! ביי וועמען? ביי די אייגענע ווייב, ביי די אייגענע מוטער, טאג טעגליך צוגענומען די שמחה און כבוד מיט שטעך ווערטליך, און עס איז אים גארנישט איינגעפאלן ווי גרויס עס איז דער חיוב פון די לייכטע זאכן, קשה עונשו של לבן! עס קאסט נישט קיין געלט צו זיין א אנשטענדיגער מענטש, אבער טאקע אויף דעם איז דער עונש גרעסער.

– ד –

הכרת הטוב

און באמת מיט דעם איז מען נאך נישט יוצא, אפילו איינער וואס איז שוין מקבל אויף זיך צו זיין א זהיר און אונאת דברים איז ער נישט יוצא, ווען ער קומט אהיים ביינאכט פון ישיבה און די מאמע דערלאנגט אים עסן, זי האט געארבעט אפאר שטונדן צוצוגרייטן די סעודה, און ער איז א כפוי טובה, עס פאלט אים גארנישט איין אז מ'דארף זאגן א דאנק, זאגן א דאנק איז א חיוב דאורייתא! **כל הכופר בטובתו של חבירו לסוף כופר בטובתו של מקום** (עי' שמות רבה א ה), דער יסוד פון עבודת ה' איז נאר הכרת טובה, **ברוך אתה ה' הגומל חסדים טובים** דאס איז דער גאנצער

יסוד, **אנכי ה' אלקיך** האט דער אויבערשטער געזאגט ביי מתן תורה וואס האט ער געזאגט **אשר הוצאתיך מארץ מצרים**, דאס איז דער גורם פאר קבלת התורה. און דאס איז דער טעם פאר קבלת התורה, ווען די תורה איז מסביר דער חומר דער גרויסער חטא פון א נביא שקר וואס ער האט געוואלט פארפירן מענטשן מיט עבודה זרה, א נביא פון ע"ז שטייט **כי דבר סרה על ה' אלקיכם המוציא אתכם מארץ מצרים... להדיחך מן הדרך אשר צוה ה' אלקיך** (דברים יג ו), איר הערט! א טענה אויף אים, נישט ע"ז איז די טענה, די טענה איז אז עס פעלט הכרת טוב, אבער דער יסוד אין הכרת טוב עס איז א יסוד אין מדות, וואס קאסט דען געלט מכיר טוב זיין יענעם?! דאס איז דש בעקביו, נישט קיין קליינע זאכן גאר גרויסע זאכן, א חוץ די שמחה און דער כבוד וואס ער איז גורם ווען ער וואלט געזאגט א דאנק, מ'דארף זאגן א דאנק פאר יעדן איינעם, מ'איז מכבד יענעם און מ'איז משמח יענעם, אבער פארן נישט זאגן בשעת ס'איז דא חיוב איז ער א כפוי טובה, און דאס איז דער יסוד חלילה פון זיין כופר בטובתו של מקום.

עס שטייט דארט אויף פרעה **אשר לא ידע את יוסף**, עס פאנגט זיך אן מיט לא ידע את יוסף און עס לאזט זיך **לא ידעתי את ה'** (תנחומא שמות ה).

## – ה –
## שהיה לו ללמוד

אז מיר קוקן גוט אן די זאך פאנגען מיר אן פארשטיין אז עס ליגט א נייער אן אנדערע יסוד אין דעם גאנצן ענין, דאס איז דער יסוד **שהיה לו ללמוד ולא למד** (מכות ט:), דער יסוד פון נישט הערן, דער מענטש האט א התנצלות "איך האב נישט געוואוסט עד היכן הדברים מגיעין, איך האב נישט געוואוסט אז דאס איז דער חומרא פון אונאת דברים?! און דאס איז דער חיוב פון הכרת טובה?! ס'איז

מיר גארנישט איינגעפאלן דאס", ווען ער וועט קומען אויף יענער וועלט וועט מען אים ווייזן א חשבון וויפיל טויזנטער מאל ער האט מצער געווען זיין ווייב, און די ווייב האט אים מוחל געווען, אבער דער אויבערשטער האט אים נישט מוחל געווען, מ'דארף האבן מחילה פון צווייען פון דעם אויבערשטען און פונעם מענטש, און עס איז אים גארנישט איינגעפאלן אז פונעם אויבערשטען דארף ער אויך בעטן מחילה, א גרויסער צעטל אונאת דברים יעדעס מאל איז ערגער, יעדעס מאל איז ויראת מאלקיך, יעדעס מאל איז זה בגופו וזה בממונו, יעדעס מאל איז לא ניתן להישבון, און דאס טוט ער טויזנטער מאל, און דאס איז מער חמור ווי די עבירות חמורות פון דער תורה.

וועט ער טענה'ן "איך האט נישט געוואוסט", וועט מען אים ענטפערן דאס וואס מ'האט געזאגט פאר אבימלך מלך פלשתים, אבימלך האט געהאט א טענה צו אברהם אבינו "איך האב נישט געוואוסט", **למה אמרת אחותי היא** - דו האסט געזאגט אז זי איז דיין שוועסטער, איך האב נישט געוואוסט אז זי איז דיין ווייב, איך בין נישט שולדיג, **דו** האסט מיר פארפירט.

האט אברהם אים געענטפערט (מכות שם) איך בין געקומען אין א שטאט אלס א פרעמדער, **אכסנאי בא לעיר** א פרעמדער קומט אין א שטאט פרעגט מען אים "האסט וואו צו עסן? האסט וואו צו שלאפן?" אבער אויב מ'פאנגט אן פרעגן אים שאלות **אחותך היא אשתך היא** דאס איז דיין ווייב אדער דאס איז דיין שוועסטער אזעלכע שאלות פרעגט מען?! האב איך גלייך געזעהן פון דיינע שאלות אז **אין יראת אלקים במקום הזה**, האב איך דיר געמוזט אפנארן, איך האב דיר געמוזט זאגן אחותי היא, און דאס וואס דו ביסט כמעט נכשל געווארן אין דעם, דו האסט גע'גזל'ט צוגענומען אן אשת איש, ביסטו אליין שולדיג.

**מכאן שבן נח נהרג שהיה לו ללמוד ולא למד**, ער האט געדארפט לערנען, שהיה לו ללמוד! און עס איז דא וואו צו לערנען מען דארף גיין הערן, און מען דארף לערנען און דער חיוב מיתה פון אבימלך איז געווען פארן נישט קומען לערנען, פארן נישט קומען לערנען איז דא א חיוב מיתה?! אוודאי דארף מען לערנען, אבער אויף אזוי ווייט איז דער חומר פארן נישט קומען לערנען, און ווי איז אויב א מענטש האט יא געלערנט ער האט יא געלערנט אבער וואס ער האט געדארפט וויכטיגער האט ער נישט געלערנט, מ'דארף אלעס לערנען, אבער א מענטש מוז וויסן דאס וואס איז מער נאנט צו אים מער שייך צו אים, און דאס מוז מען קומען לערנען שהיה לו ללמוד און ער איז נהרג אויפן נישט קומען לערנען.

– ו –

פארגעס נישט פון דיין בעסטע חבר!

היינט אז מיר רעדן שוין וועגן דעם פרט פון הכרת טוב זאגן דאנק צו א טאטן צו א מאמען צו א רבי'ן, א רבי זאגט א שיעור נאכן שיעור שאדט נישט אז מ'גייט צו און מ'זאגט ס'איז געווען א גוטער שיעור, רבי יישר כח! דער רבי דארף אויך האבן מוט, דער אויבערשטער האט אויך געזאגט **היה לך לעזרני** (שבת פט. – לומר תצלח מלאכתך, רש"י), דו וואלסט מיר געדארפטט געבן חיזוק, פארוואס שווייגסטו?! עס פאדערט זיך פון א מענטש אזא זאך מען גיבט אים עפעס בפרט רוחניות דארף ער אוודאי מכיר טובה זיין.

און אז מיר רעדן שוין וועגן דעם ברענגט דאס אונז צו וואס דער פסוק זאגט **כי קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו** און דאס איז די גרויסע סוגיא פון חובת הלבבות.

נאר פריער אלס הקדמה דארף געזאגט ווערן, אז די חובת המעשים וואס יעדער איינער פארשטייט ביי זיך, נישט דא וואס צו

רעדן אוודאי מוז מתקן זיין, מצות מעשיות, מ'דארף מתקן זיין בין אדם לחבירו, בין אדם למקום, דאס איז דאך קיין פראגע נישט, דאס מוז מען טוען, אבער דאס ווייסן מענטשן מער וויניגער, צווישן די פרומע איז דאס נישט דש בעקביו.

אבער עס איז דא איינער וואס מ'פארגעסט אינגאנצן אין אים, און אויף דאס איז מען דש בעקביו נאכאנאנד, און דאס איז רעיך ורע אביך אל תעזוב, דיין פריינד - דיין בעסטער פריינד און ער איז געווען דער פריינד פון דיין פאטער אויך, זאלסטו אים נישט אוועק לאזן, "אלקינו ואלקי אבותינו" מכיר טוב זיין דעם אויבערשטן דאנקען דעם אויבערשטען, דער יסוד היסודות פון תורה, חובת הלבבות! **מה אשיב לה' כל תגמולוהי עלי** פון די גרעסטע חיובים, די פרומע וועלט וואס דאווענט קען לייכט נכשל ווערן, קען זיך לייכט אפנארן מ'קען זאגן מיר דאווענען דאך, אבער דאס פארשטייען מיר אז **רחמנא ליבא בעי - ה' יראה ללבב** (שמואל-א טז ז / וע' סנהדרין קו:), די פראגע איז, איז דער מענטש מכיר טוב?! ווען מ'זאגט ברכות אלע טאג און מ'מאכט א ברכה **אוזר ישראל בגבורה** גיבט מען א טראכט אויף וואס די ברכה איז, די ברכה איז אויף א בעל"ט אלע טאג מאך איך א ברכה אויף א בעל"ט, עס פאלט גארנישט איין, יא! מ'דארף אלע טאג מאכן א ברכה אויף א בעל"ט, איי דאס איז א משל אויף העכערע זאכן אויך בגבורה די גבורות עם ישראל דאס האט נישט צו אונז יעצט, ווייל די גמרא זאגט די ברכה מאכט מען נאר בשעת מען טוט אן א אזור, דארף מען זיך א חשבון געבן אינעם חסד פון א בעל"ט, און אויב נישט איז דאס סתם ווערטער, האט מען ווען געטראכט וואס דאס מיינט א בעלט, וואס דאס מיינט אפילו דער צינגאלע פון א בעלט, וואס דאס מיינט אפילו די לעכער פון א בעלט, יא מען פאנגט אן טראכטן, אז מ'גיבט א מתנה יענעם וויל מען אז יענער זאל פארשטיין די חשיבות פון די מתנה יענער כאפט דאס צו און ער קוקט נישט

אויף די מתנה, דאס איז נישט קיין מקבל מתנה, פארקערט הנותן מתנה לחבירו צריך להודיעו, מ'דארף אים לאזן וויסן וואס די מתנה איז אז דו גיבסט יענעם א מתנה א זייגערל וואס עס שטייט א צעטלע אינעווייניג אז דער גלעזעל קען זיך נישט צוברעכן און אז עס האט זיבעצן דזשול"ס און נאך און נאך מעלות אויסגערעכנט, לאז בלייבן דער צעטאלע אין דעם פושקע פונעם זייגער וואס מ'גיבט כדי ער זאל דאס איבערליינען ער זאל הנאה האבן, פארוואס זאגט רש"י **כדי להרבות אהבה ואחוה בישראל** (שבת י: / ביצה טז.), אז ער גיבט יענעם א מתנה און ער זאגט אים ווי גוט די מתנה איז, וועט יענער מער ליב האבן דעם אנדערען איד, א מצוה! א מצוה אז יענער זאל מיר ליב האבן דאס איז מיין מצוה, וואס איז זיין מצוה אוודאי און אוודאי ער דארף אוודאי איבער ליינען דעם צעטל און וויסן וואספארא מתנה ער האט ערהאלטן, אז דער אויבערשטער גיבט אונז טאג איין און טאג אויס מתנות, דארף מען מעיין זיין מתבונן זייך נישט מ'כאפט צו און מ'גייט ווייטער, מ'מוז מתבונן זיין דאס איז א גרויסער חיוב, און דאס איז דש בעקביו, דער חובת הלבבות פון פארשטיין טאג איין טאג אויס, **תחת אשר לא עבדת את ה' אלקיך בשמחה ובטוב לבב מרוב כל** (דברים כח מז), וואס איז דער עבודה? דער עבודה איז פארשטיין אז דו האסט רוב כל, און עס שטייט תחת אנשטאט דעם שטייט חלילה א גרויסער פורעניות, אבער דאס איז פון די לייכסטע זאכן, עס איז נאר א פראגע פון אביסל מחשבה, כי קרוב אליך הדבר מאוד.

– ז –

## א| בטחון

וכהנה וכהנה אלע חובות הלבבות זענען לייכטע זאכן, פארשטייט זיך מ'דארף לערנען, שהיה לו ללמוד, דער מענטש דארף וויסן דער חיוב פון בטחון, בטחון איז א גרויסער עבודה נישט

ווייל עס איז שווער, בטחון איז א גרויסער חיוב, אבער אויב איינער האט נישט געלערנט וועגן בטחון ווייסט ער גארנישט דעם גאנצן ענין וועגן בטחון.

ב| אמונה

אמונה, **אנכי ה' אלקיך** דאס איז איינע פון די תרי"ג מצוות, וואס איז די מצוה פון אנכי ה' אלקיך? וואס איז דער חיוב פון דעם? זאגט דער רמב"ם דער חיוב איז **לידע ולהאמין** (עי' סה"מ מצוה א - ויסוה"ת א א), וועט דאך אוודאי יעדער זאגן "איך האב דאך אליין געוואוסט וואס איז דער שאלה?" ניין מ'איז נישט יוצא מיט דעם, ס'איז א מצות עשה לידע – **וידעת היום והשבות אל לבבך** (דברים ד לט), מ'דארף טראכטן וועגן דעם ביז עס בירגערט זיך אריין אין הארץ אן אמונה חושית פונקט ווי ער וואלט געשטאנען לפני הקב"ה און ער וואלט אים געזען מיט די אויגן, און עס איז קיינמאל נישט גענוג, כל ימיו דארף ער ארבעטן אויף דעם **וידעת היום והשבות אל לבבך** נאכאנאנד משיב זיין אל הלב, אבער ס'איז א פראגע פון הארץ עס קאסט נישט קיין געלד.

און אמונה דאס איז דער מצוות עשה, דער יסוד היסודות פון כל התורה כולה, מתן תורה האט זיך אנגעפאנגען מיט די מצוה פון אמונה.

ג| תשובה

יעצט קומען מיר צוריק צום פסוק און דער פסוק זאגט אונז דער חומר פון תשובה, עס רעדט זיך נישט וועגן די גרויסע הארבע עבירות, כרת, מיתת בי"ד, וואס מענטשן פארשטייען, וואס מענטשן קעמפן מיט גרויסע יצר הרע'ס, מיט גרויסע תאוות און נסיונות, **כי המצוה הזאת** די מצוה פון תשובה (רמב"ן), אפילו תשובה פון הארבע עבירות איז א הארבע זאך, קוים האט א מענטש

געטוען א עבירה חלילה דארף אים וויי טוען, אויב ער קוקט אויף צוריק און ער שעמט זיך נישט, עס טוט אים נישט וויי, איז ער נישט קיין בעל תשובה, ס'דארף זיין חרטה, ס'דארף זיין יגון, עס דארף אים וויי טוען וואספארא שוטה בין איך געווען, א בזוי בין איך געווען, "אזוי האב איך געטוען געגען דעם אויבערשטן מיין בעסטן גוטען פריינט, האב איך געזינדיגט קעגן אים", קומט אויס אז דער נישט טוען תשובה דאס איז **בפיך ובלבבך** דאס איז א מחשבה זאך, פארן נישט וועלן טוען תשובה, פארן טוען תשובה און נישט וועלן פארדריסן אויפן עבר איז דער עונש גרעסער.

א מענטש וואס ער קען זיך נישט אפהאלטן פון צו טוען א חטא איז אוודאי א רחמנות אויף אים, עס איז א גרויסער רחמנות אויף אים, ביטערע עונשיםווארטן אויף אים, אבער א מענטש וואס ער קען זיך נישט ברענגען אז עס זאל אים פארדריסן, אז ער קוקט אויף צוריק און ער האט אפילו א געפיל פון הנאה און פון שמחה וואס ער האט אמאל געטוען דאס און דאס, אה! דער איז א פארלוירענער מענטש, דאס זאגט דער חובת הלבבות און שער יחוד המעשה (פרק חמישי – ואם תעשה דבר עבירה היצר משתדל להכניס בלבך השמחה והששון...), אז ער קוקט אויף צוריק אויף זיינע עבירות און ער האט אפילו א געפיל פון שמחה אז ער האט אמאל יענעם מבזה געווען ברבים, און ער טראכט צוריק אז ער איז געווען א גבור, ער האט געטוען א גבורה, ער ווייסט דאס טאקע מער נישט טוען "המלבין פני חבירו ברבים..." אבער ער פריידט זיך וואס ער איז דאן געווען א גבור און ער האט געטוען א גרויסע זאך, ער האט יעצט הנאה פון דעם, אה דער איז א פארלוירענער מענטש.

ד| תוהה על המצוות

עס איז פארהאן נאך עפעס א גרויסער סכנה, א מענטש וואס האט געלערנט אין ישיבה און נאכדעם איז ער ארויס פון ישיבה,

און ער קוקט אויף צוריק און ער טראכט "אמאל בין איך געווען א תמים איך האב געמיינט אז די גאנצע וועלט איז נאר לערנען" היינט איז ער קלוגער, אה עס איז א רחמנות אויף אים, א מענטש וואס ער איז מתחרט - תוהה על הראשונות - ער האט חרטה אויף זיינע אמאליגע מצוות (עי' קידושין מ: ושהש"ר ו) א משוגענער פארוואס האט ער געדארפט דאס טוען, עס קאסט אים געלד זיך צו האלטן מיט די אמאליגע מצוות, עס קאסט אים געלד, וואס ער זאל שטאלצירן מיט אמאל וואס ער איז געזעצן באהלי תורה און ער האט געהונגערט און ער האט גליטן צוליבן לערנען, פארוואס זאל ער נישט אנהאלטן דאס, נאר ער שטאלצירט מיט דאס וואס אמאל איז ער געווען א שומר פיו ולשונו, אמאל איז ער געווען א נארישער ישיבה בחור היינט איז ער קלוגער, יא ער איז א פרומער אבער היינט איז ער קלוגער פון אמאל דאס הייסט אז ער איז תוהה על הראשונות, דאס איז די ערגעסטע זאך וואס עס קען זיין, ער נעמט פארטיגע מצוות און ערווארפט זיי ארויס פון פענסטער, א **שוטה!** ער איז א **מאבד מה שנותנים לו** (כ'חגיגה ד.).

אז מ'טוט א גוטע זאך עס האט געקאסט צער, געקאסט געלד, זאל דאס אים קינמאל נישט פארדריסן, א פארדרוס אויף א מצוה דאס איז פון די גרעסטע טעותים וואס מ'קען טוען, כי קרוב אליך הדבר מאוד דאס זענען פון די זאכן וואס זענען זייער נאנט און גרינג, א מענטש דארף זיך פרייען מיט זיינע מצוות, א מענטש דארף פארדריסן מיט זיינע עבירות, דאס אליין איז א תיקון גדול, א גרויסע מצוה, און עס איז לייכט צו טוען, פארדריסן אויף א עבירה עס איז לייכט, פרייען זיך אויף זיינע אמאליגע מצוות עס איז לייכט.

קומט אויס אז עס עפנט זיך א נייער וועלט, א וועלט פון לערנען, מ'דארף וויסן וואס איז וואס, אויב נישט קען א מענטש

חלילה מאבד זיין אלעס וואס ער האט, א מענטש קען טוען זאכן און נישט וויסן אז ער טוט די ערגסטע, אויב ער איז דש בעקביו, און סובבין אותו ליום הדין.

אבער א מענטש וואס לערנט, א מענטש וואס ווייסט **שימו לבבכם על דרכיכם** (חגי א ה) ער פארשטייט א חילוק פון איין מעשה ביז אן אנדערע מעשה, ער ווייסט ווי גרויס עס איז דער חיוב פון **הכרת טוב,** ער ווייסט ווי גרויס עס איז דער חיוב פון דער מצוה פון **אמונה,** פון דער מצוה פון **בטחון,** ער ווייסט ווי גרויס עס איז דער מצוה פון **אונאת דברים,** וויפיל ערגער עס איז פון **אונאת ממון,** דער מענטש גייט מיט ליכטיגע אויגן אין זיין לעבן, און ס'איז קיין פראגע נישט אז ער וועט האבן סייעתא דשמיא, דער אויבערשטער וועט אים העלפן, און אויב ער וועט בעטן השיבנו אבינו וועט דער אויבערשטער אים אוודאי העלפן און ער וועט אים געבן סיוע, און מיט דער צייט וועט ער אים געבן א סיוע לתשובה שלימה אויך, און דער מענטש וועט זיין א זוכה בדין, און ער וועט זיין גליקליך און רוחניות און אין גשמיות.